# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
רבי אביגדור מיללער זצ"ל

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' כי תצא
תשפ"א לפ"ק
גליון קפ"ג



## פראגע

### וואס איז די ריכטיגע צוגאנג צו חרטה האבן אויף עבירות?

## ענטפער:

אויב חרטה מיינט יאוש, אזא סארט חרטה איז שעדליך און איז בכלל נישט רעקאמענדירט; עס איז נישטא קיין מצוה צו ווערן אנטמוטיגט. ווען א מענטש איז מיאוש וועט ער זיך נישט רוקן פאראויס אין עבודת השם. אבער חרטה פאר עבירות וואס טרייבט אויף **אמביציע**, א שטרעבן צו ווערן א מענטש וואס איז בעסער פון וואס ער איז היינט, אזא סארט חרטה איז כשר ויושר! און עס שפרודלט פון די אינערליכע ענערגיע פונעם קערפער. די גוף הייבט זיך אן אויפצואוועקן און גיבט דעם מענטש מער און מער **טרייבקראפט**, ווייל דער מענטש פארמאגט באמת אין זיך כמעט אן ענדלאזע אוצר פון כוחות און אינספיראציע.

ווען א מענטש באשליסט ביי זיך אז ער וויל זיך איבערגעבן פאר א לעבן פון פארשריט, ער וויל אוועקווארפן זיין גאנצן עבר און אנהייבן א קאריערע פון נישט בלויז זיין אן **אנשטענדיגער** מענטש, נאר צו ווערן אן **אויסערגעווענליכער** מענטש, צו מאכן דאס בעסטע פון זיין לעבן – ער וויל אויסנוצן זיינע יארן אויפ'ן סאמע בעסטן אופן, וועט די קערפער רעאגירן דערצו און ער וועט זען אז אנשטאט ווערן אנידערגעשלאגן וועגן זיינע עבירות, וועט אים די עבירות ברענגען צו ווערן אן התלהבות'דיגער עובד ה'.

דער חובת הלבבות זאגט, אז אסאך מאל קען איין עבירה געבן פאר א מענטש מער ערליכקייט ווי א מצוה. ער גיבט א דוגמא. למשל א מענטש טוט א מצוה און עס מאכט אים בגאוה, און יעצט לאנט ער זיך אן מיט א רואיגקייט; ער האלט אז ער האט שוין געטון גענוג, אבער פון די אנדערע זייט ווען דער מענטש איז דורכגעפאלן מיט אן עבירה און ער שפירט מלא חרטה, ער איז צעבראכן דערפון, קען עס אים געבן א **שטופ** צו טון פיל מער גוטס און מאכן גאר אסאך פארשריט אין לעבן. קומט אויס אז די עבירה איז געווען א װענדפונקט אין זיין לעבן.

אלזא, מען דארף וויסן וויאזוי צו האבן ריכטיגע חרטה וואס ברענגט א שטופ אויף פאראויס.

## פראגע

### וויאזוי קען א מאן און ווייב טוישן איינער דעם צווייטן?

## ענטפער:

די שאלה דארף גיין אזוי: וויאזוי קען א מאן זיך אליינס טוישן, און וויאזוי קען א פרוי זיך אליינס טוישן?

איך גיי אייך זאגן עפעס וואס די וועלט ווייסט אבער איגנארירט עס. **מען דארף לערנען מוסר!** און עס גייט מיר נישט אן פון וועלכע חלק כלל ישראל איר קומט. יעדער איינער דארף לערנען מוסר. מיר האבן ספרים וואס באהאנדלען די נושאים, וויאזוי זיך אויפצופירן, און וויאזוי אויסצוארבעטן די מדות.

מען דארף לערנען ווי וויכטיג עס איז אפצוהיטן די צינג פון אונאת דברים. מען דארף לערנען די מדה פון ענוה, צו זיין אן עניו. סיי א מאן און סיי א פרוי, ספעציעל היינט צו טאגס. מיר דארפן לערנען גוטע מדות, און עס זענען דא ספרים וואס לערנען אויס גוטע מדות. "אורחות צדיקים", "פלא יועץ", "מסילת ישרים", "רמב"ם הלכות דעות" און "שערי תשובה" זענען גוטע אויסוואלן. עס זענען פאראן אזויפיל מדות וואס מיר דארפן זיך אויסלערנען כדי זיך צו קענען דורכקומען

מיט מענטשן, נישט נאר מיט מענטשן ארום נאר ספעציפיש אינדערהיים.

די הויז איז א פלאץ וואו ס'איז די וויכטיגסטע צו האבן גוטע מדות. אויב מען לערנט נישט מוסר, קען מען אפשר האבן גוטע מדות אויב מען ווערט נשפע פון מענטשן וואס האבן גוטע מדות און מען מאכט נאך זייער ביישפיל, אבער מען וועט נאך אלץ זיין פעלערהאפטיג חוץ אויב מען לערנט גוט דורך די נושא.

ווי גליקליך איז א מיידל וואס האט חתונה צו א בחור וואס לערנט מוסר. "אוהב מוסר אוהב דעת" (משלי יב, א), ער איז קונה די חכמה פון לעבן א מוצלח'דיגע לעבן. ווען איר מאכט חתונה אייער טאכטער, זוך נישט סתם פאר אן עילוי, דער בעססטער בחור אין ישיבה – דער וואס קען זאגן די גרעסטע חידושי תורה. עס איז טאקע זייער גוט א תלמיד חכם, אבער קוק אויך פאר א בחור וואס האט אן אינטערעסע אין לערנען מוסר, ווייל ער גייט זיך לערנען גוטע מדות. אפילו ער איז נאך נישט קיין מושלם אבער ער שטרעבט צו א ציל, כאטש ווייסט ער אז ס'איז דא אזא ציל צו וואס צו שטרעבן.

אסאך פרומע אידן ווייסן בכלל נישט די גאנצע געדאנק פון מדות. זיי ווייסן ניטאמאל אז מדות זענען וויכטיג.

## פראגע

**פארוואס האט דער אויבערשטער נישט געגעבן פאר מענטשן די פעאיגקייט צו קענען זען אזוי ווייט ווי אדלערס און הערן אזוי גוט ווי פלעדערמויזן?**

## ענטפער:

פארוואס האט אונז נישט דער אויבערשטער געגעבן געוויסע כוחות וואס געוויסע באשעפעניש פארמאגן? און דער ענטפער איז אז דער אויבערשטער מיט זיין גרויס רחמנות האט אונז געגעבן וואס ס'איז גוט פאר אונז.

אויב א הונט וואלט דא אריינקומען און דא זענען פאראן הונדערט מענטשן – יעדער מענטש האט א באזונדערע גערוך און דער הונט קען דערקענען דעם גערוך פון יעדן מענטש. יעדער האט זיין אייגענע ריח. יעצט אויב וואלט איר באשאנקען געווארן מיט דעם כשרון, וואלט עס אייך געמאכט פרייליך? ניין, עס וואלט געווען זייער אומגעשמאק פאר אייך. מיר קענען פונקט גענוג שמעקן צו קענען הנאה האבן פון אונזער עסן און אונז אפהיטן פון שעדליכע זאכן. מיר האבן הנאה אביסל מער פון אונזער שפייז בלויז צוליב די שמעק, און דאס איז גענוג פאר אונז. אונזער חוש הריח איז אויך געמאכט אונז צוווארענען אויב אן עסן איז שוין פארפוילט אז מיר זאלן עס נישט אריינלייגן אין מויל. וועגן דעם איז די נאז הארט העכער די מויל, איסצושמעקן די עסן. אלזא, מיר האבן א חוש הריח וואס מיר דארפן. מער פון דעם איז שוין נישט גוט פאר אונז. עס וואלט אונז רואינירט; מיר וואלטן געווען אומגליקליך.

די זעלבע זאך איז מיט די חוש הראיה. דער מענטש האט געפרעגט אז די ראיה פון אן אדלער וואלט געווען זייער גוט. אדלערס זעען זייער ווייט ווייל אן אדלער פליעט אין דער הייעך און ער דארף קענען זען א טויטע האז ערגעץ ווייט אוועק. דער אדלער דארף עס האבן; ער דארף זען דעם האזל צו קענען איבערלעבן. אבער מיר האבן אויגן וואס זעען היפש. מיר זען מער ווי מיר דארפן זען. עס איז זייער וויכטיג נישט צו קוקן וואו מען דארף נישט. אוי! גיבט אבאכט אויף אייערע אויגן! היט אייערע אויגן! "לא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם" – לאז נישט דיינע אויגן ארומוואנדערן. די אויגן האבן שוין פארפירט אסאך מענטשן. אסאך מענטשן האבן נאכגעפאלגט זייערע אויגן אריין אין פראבלעמען, דערפאר וואלט בכלל נישט געווען גוט פאר אונז צו האבן די ראיה פון א אן אדלער. מיר זענען היפש. מיר זעען פונקט גענוג וויפיל מיר דארפן.

און דערפאר, אלע פונקציעס וואס באשעפענישן האבן איז וויכטיג פאר זייער עקזיסטענץ, אבער פאר אונז איז עס זייער שעדליך, און מיר זאגן ברוך השם אז ער האט אונז געגעבן נאר וואס מיר דארפן. (# 729)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב